פאַרטראָגן; און אַפילו איצט קענט איר עס נאָך
3 אייך נישט פאַרטראָגן; ווייל איר זענט נאָך אַלץ
פליישלעך; וואָרום כל־זמן עס איז דאָ צווישן אייך
קנאה און קריגערייַ, זענט איר דען נישט פליישלעך
4 און וואַנדלט ווי (פשוטע) מענטשן? וואָרום ווען
איינער זאָגט: איך בין פון פוילוסן; און אַן אַנדערער:
איך בין פון אַפּאָלאָסן: זענט איר (דען) נישט
5 (פשוטע) מענטשן? וואָס איז דען אַפּאָלאָס? און
וואָס פוילוס? נאָר משרתים, דורך וועלכע איר
האָט געגלויבט; און יעדער איינער, ווי דער האַר
6 האָט אים געגעבן. איך האָב געפלאַנצט, אַפּאָלאָס
האָט באַוואָסערט; ג־ט אָבער האָט געמאַכט וואַקסן;
7 אַזוי אַרום איז שוין דער פלאַנצער גאָרנישט, און
דער באַוואָסערער גאָרנישט; נאָר ג־ט, וועלכער
8 מאַכט וואַקסן. דער פלאַנצער און דער באַוואָסערער
זענען איינס; און יעדער וועט באַקומען זיין אייגענעם
9 שכר לויט זיין אייגענער פראַצע. וואָרום מיר זענען
ג־טס מיטאַרבעטער: ג־טס אַקערפעלד, ג־טס בנין
זענט איר.

10 לויט דעם חסד פון ג־ט, וואָס איז מיר געגעבן
געוואָרן, האָב איך ווי אַ קלוגער בוימייסטער געלייגט
אַ יסוד; אַן אַנדערער אָבער בויט (דערויף). זאָל
זשע יעדער אַכטונג געבן, וויאַזוי ער טוט דערויף
11 בויען. וואָרום קיינער קען נישט לייגן קיין אַנדערן
יסוד, אַ חוץ דעם, וואָס ליגט (שוין), וועלכער
12 איז ישוע המשיח. אויב אָבער עמיצער בויט
אויף דעם דאָזיקן יסוד גאָלד, זילבער, טייערע
13 שטיינער, האָלץ, היי, שטרוי, וועט יעדנס אַרבעט
אַנטפּלעקט ווערן; וואָרום דער טאָג וועט עס מאַכן
(באַשיינפּערלעך) קלאָר, ווייל עס וועט זיך אַנט־
פּלעקן דורך פייער; און דאָס פייער אַליין וועט אויס־